# פרשת נשא ו' – י"ב סיון תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת נשא – א' דשבועות***

לפני קריאת התורה נאמרה פיוט האקדמות על ידי **רבינו שליט"א** בקול רגש ומעורר הלבבות. – אחר התפלה ערך **רבינו שליט"א** הקרעפיל טיש לכבוד החג. אחר טעימה ממאכלי חלב וניגוני שמחה, פתח **רבינו שליט"א** בדברי דרוש ואגדה בעניני מתן תורה, ובעובדא דרב יוסף שאמר לעשות עיגלא תילתא, והאריך בזה בדברים נפלאים המשמחים את הלב ליישב בכמה אנפין.

*

***יום שני פרשת נשא – ב' דשבועות***

בסעודת נעילת החג אחר זמן ממושך של זמירת ניגוני התעוררות, השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו בגודל מעלת עם ישראל שזכו לקבלת התורה, וכאשר האדם מקיים מצות ה' במסירות נפש אף מתוך קישויים, הקב"ה משלם עבורו שכר הרבה, ואין אדם שומע לדברי ה' ומפסיד, וסוף הכבוד לבוא. וענין זה נלמד מפסוקי מגילת רות, אשר ויתרה על חיי משפחה ולהעמיד דורות, כדי להכנס תחת כנפי השכינה, ולחיות חיים של תורה, חיים שיש בהם תוכן לעבודת הבורא, וזכתה שמצאצאיה יצא מלכות בית דוד.

ובעת שנפרדים מימי החג הנעלים, צריכים ליקח המחשבות טובות והכוחות שקבלו בימי החג גם להלאה, להתבונן באושר הגדול שלא עשנו כגויי הארצות, וזכינו להיות עם הנבחר. ובעת אמירת ברכת התורה ליקח רוח וזמן להבין ולהשכיל בשמחת קבלת עול תורה הקדושה, אשרנו מה טוב חלקינו להיות עוסקים בתורת ה', החיי עולם שנטע בתוכינו.

עם סיום דברות הקודש עמד **רבינו שליט"א** לרקוד בניגוני שמחת התורה, וניגון לשנה הבאה בירושלים.

*

***יום שלישי פרשת נשא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **אשר זעליג ראזענטהאל** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ישראל פנחס ראזענבערג** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי מנחם נפתלי טייטעלבוים שליט"א** אב"ד טשענסקאוויץ (פלעטבוש), עב"ג בת **הרה"ג רבי משולם נתן שפיגעל שליט"א** רב דקהל תפלה למשה (מאנסי), שהתקיים באולם ראוז קעסטל.

*

***יום רביעי פרשת נשא***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **נתן גראזינגער** הי"ו (בן הר"ר **שמעון דוד גראזינגער** הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**כה** תברכו את בני ישראל אמור להם, יברכך ה' וגו', ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם (במדבר ו-כג). די ווערטער 'אמור להם', איז דאך לכאורה איבריג. עס איז גענוג אז עס שטייט, כה תברכו את בני ישראל, יברכך ה'. דער הייליגער **חתם סופר** (בפרשתנו כד:) זאגט, דער אייבערשטער זאגט פאר די כהנים, וואס זיי זענען די מורה דרכי ה' פאר יודען, 'כה תברכו את בני ישראל', אז דו ווילסט בענטשען יודען, 'אמור להם', זאג פאר זיי מוסר, אז זיי זאלן זיך פירן אויפן ריכטיגען וועג. און אז מען וועט זיך פירן אזוי ווי די תורה הייסט, וועט זיין אין דעם אלע ברכות. 'ושמו את שמי על בני ישראל', איר זאלט ארויפלייגען מיין נאמען אויף יודען, אז יודען זאלן שטענדיג מקדש זיין מיין נאמען, 'ואני אברכם', וועל איך זיי בענטשען. מען דארף נישט געבן א עקסטערע ברכה, נאר ווען א מענטש פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, ער טוט וואס די תורה הייסט, איז דא ביי אים א ברכה. 'כה תברכו את בני ישראל', אזוי זאל מען בענטשען יודען, 'אמור להם', מיט דעם וואס מען וועט זיי זאגען מוסר, ווי אזוי מען זאל זיך פירן, מיט דעם וועלן זיי באקומען א ברכה.

**עס** קען אפשר זיין נאך א רמז דערין. מצות מילה איז פון די חשוב'סטע מצות, י"ג בריתות נכרתו עליה (נדרים לא:). און די מצוה איז נישט נאר א מצוה וואס מען איז מקיים איין מאל אין לעבן, נאר עס איז א מצוה וואס האט א המשך אויפן גאנצן לעבן שפעטער. ועל בריתך שחתמת בבשרנו, די קדושה וואס א יוד דארף האבען, די קדושת היסוד, די קדושה פון ברית, דארף באגלייטען א יוד זיין גאנצע לעבן, אז ער זאל זיך פירן ערליך. די הכנסת הקדושה הייבט זיך נאר אן מיט ברית מילה, וואס דורכדעם האט מען דעם כח זיך צו פירן שפעטער ערליך.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז אין קדושת הברית ליגען אלע ברכות. ווען א מענטש געבט אכט אויף די קדושה, ווערט ער געבענטשט פונעם אייבערשטען. די זעקס טעג פון די וואך, איז אנטקעגן די זעקס מדות, און פרייטאג איז אקעגן די זעקסטע מדה. אין פרייטאג איז געווען א ברכה, אז דער אייבערשטער האט אראפגעשיקט לחם משנה, פרייטאג איז געפאלען דאפעלט פון וואס מען האט געהאט א גאנצע וואך, עס איז געפאלען אויך אויף א טאג שפעטער. 'והיה ביום השישי', ביי די מדה פון יום השישי, 'והכינו את אשר יביאו' (שמות טז-ה), איז דא א השפעה פון רוחניות און גשמיות צוזאמען.

**די** גמרא (שבת קל.) זאגט אויף די מצוה פון ברית מילה, אז עדיין עושין אותה בשמחה, שנאמר (תהלים קיט-קסב) שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב. איך פריי זיך אויף די מצוה פון מילה, וואס מצות מילה ווערט אנגערופן 'אמרתך', א אמירה יחידה וואס דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו. זעהט מען אז די ווארט אמירה איז א רמז אויף די מצוה פון מילה. זאגט דער אייבערשטער, 'כה תברכו את בני ישראל', אזוי זאלט איר בענטשען יודען, 'אמור להם', געבט זיי איבער די מצוה פון מילה, אז זיי זאלן זיך פירען ערליך בקדושה, וועט זיין אין דעם די ברכה.

**עס** שטייט אין תיקוני זוהר (תיקון כב עו.), אז ווען מען מל'ט א קינד ווערט ארויפגעלייגט אויף אים צוויי שמות. דער שם שד"י, און דער שם הוי"ה. איינס מלגאו און איינס מלבר. די צוויי שמות קומען ארויף אויף א יוד בשעת מען מל'ט זיך. די צוויי שמות באטרעפן דריי הונדערט און פערציג, וואס דאס איז די מספר פון ש"ם. 'ושמו את שמי על בני ישראל', אז איר וועט נעמען די צוויי שמות וואס קומען ביי די מצוה פון מילה, און איר וועט עס ארויפלייגען אויף יודען, 'ואני אברכם', וועל איך זיי בענטשען. ווייל דורכדעם וואס מען איז מקיים מצות מילה בפועל, און מען איז ממשיך די קדושה אויף שפעטער אויך, קומט די ברכה אויף א יוד.

*

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **אהרן וויינשטאק** הי"ו, הר"ר **יצחק זאב וויינשטאק** הי"ו, הר"ר **ישראל וויינשטאק** הי"ו, הר"ר **יוסף וויינשטאק** הי"ו, שישבו שבעה על פטירת אחיו-אביהם הר"ר **מענדל וויינשטאק** ע"ה (כ"פ).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הרה"ג רבי **אברהם שרגא וואלטער** זצ"ל, רב דביהמ"ד נירעדהאז.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**א' האבלים:** די רב האט געקענט מיין טאטע.

**רבינו:** ער איז געווען דער שדכן ביי מיין שוועסטער (הרבנית מגראסווארדיין תליט"א).

**א' האבלים:** די זיידע (**הגה"צ מטענקא זצ"ל**) פלעגט אסאך רעדן פונעם **שימלויא'ער רב**.

**רבינו:** עס איז יעצט די יארצייט, י"א סיון.

**א' האבלים:** אינעם זעלבן טאג פונעם **נאדיפולי רב'ס** יארצייט, זיי זענען געווען אינאיינעם אין געטא.

**רבינו:** עס איז דעמאלטס אויסגעפאלען אזוי ווי דאס יאר. מען האט דעפארטירט שבועות, און פרייטאג זענען זיי נסתלק געווארן אין אושוויץ.

**א' האבלים:** אינעם הקדמה פון **שמן למנחה** וואס מען האט ארויסגעגעבן פונעם זיידען (**הגה"צ רבי אשר אנשיל ווייס זצ"ל** אב"ד נאדיפאלי) שטייט, אז דער **שימלויא'ער רב** האט געזאגט, אז ער וועט זיך נישט לאזן אראפנעמען די בארד, נאר אויב דער זיידע רבי אנשיל וועט זאגען אז מען מעג.

דער זיידע פלעגט רעדן זייער גרויס פונעם **שימלויא'ער רב**. מען פלעגט מאכען א יארצייט סעודה י"א סיון, און דעמאלטס פלעגט ער רעדן פונעם **שימלויא'ער רב**.

זיי האבען געפירט דין תורה'ס אינאיינעם, דער **שימלויא'ער רב**, און דער זיידע דער **נאדיפאלי רב**, און דער **קראסנא רב**. זיי זענען געווען א סגל חבורה. דער **שימלויא'ער רב** האט געשריבען א בריוו צום זיידען, און ער האט זיך אונטערגעשריבען מיט די מאמע'ס נאמען. און ער האט אים געזאגט, אז א ידיד נאמן האט א גרעסערן כח פון א צדיק, צו פועל'ן א ישועה[א]

**רבינו:** תפלה ווענט זיך אין כוונה, און א ידיד איז מער מכוון.

**א' האבלים:** קרוב ה' לכל קוראיו, לכל אשר יקראוהו באמת, און א ידיד מיינט עס אמת'דיג.

דער זיידע (**הגה"צ מטענקא זצ"ל**) האט מיר אמאל געזאגט, קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת, דארף מען דאך מתפלל זיין אמת'דיג, אבער קרוב ה' לנשברי לב, מיט א צובראכען הארץ קען מען אויך זיין נאנט צום באשעפער.

**רבינו:** ווי אלט איז געווען דער זיידע?

**א' האבלים:** ער איז געווען בערך דריי און זעכציג יאר.

**רבינו:** דער **שימלויא'ער רב** איז געווען אסאך עלטער (נפטר בגיל פ"א שנים).

**א' האבלים:** רבי אשר אנשיל האט געהאט א זכרון נפלא. ער האט געהאט איין און צוואנציג קינדער אין שטוב, זיינע, און אירע, און ביידע, און נישט זיינע און נישט אירע, נאר פון פריערדיגע זיווגים. און מען האט נישט דערקענט א חילוק צווישן די קינדער. ווען ער האט איר גענומען האט איינער מנדב געווען א גרויס הויז.

**א' האבלים:** ווען מען דאווענט פאר צוויי עלטערן, ווי אזוי דארף מען מכוון זיין (אמם הרבנית ע"ה נפטרה בתחלת ימי החורף העעל"ט).

**רבינו:** עס קומט אן אויפן זעלבן פלאץ.

**א' האבלים:** וואס טוט מען ביי די עלף חדשים, מען שטעלט זיך אפ איין טאג?

**רבינו:** בפשטות נישט[ב].

*

***יום חמישי פרשת נשא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **אשר זעליג נאה** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה לתפלת מנחה, אחר מנחה מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **יוסף אלימלך הערשקא** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יוסף משה פריינד** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אשר זעליג נאה** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

אחר הבר מצוה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת **הרה"ג רבי נפתלי צבי רובין** ז"ל מדאמבראווא.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** (עם השטריימעל) אצל החתונה של ש"ב בן הרה"ג רבי **רפאל**

---

[א] עיין בספר **חמד שלמה** (מאת **הגה"צ מטענקא זצ"ל**, עמוד רצ"ט) שכתב וזה לשונו: והנה מקום יש אתי להודיע לרבים ענין נכבד שידידי מחו' **הרב הגאון אבדק"ק סאמבאטהעלי זצ"ל** הביא לי מכתב קרתא דשופריא בכתי"ק של זקינו **הגאון מאה"ג בעל לחם שלמה זצלה"ה** שכתב לחמי **הגה"צ מנאדיפאלי זצ"ל** וחתם עצמו בשמו ובשם אמו, וכותב לו בצדו וזל"ק, 'כי כן קבלתי מפי מוזלה"ה (והוא **הגה"ק בעל קול אריה זלה"ה**) כי תפלת אוהב נאמן יותר מקובל בשמים מכל תפלות צדיקים' ע"כ כתי"ק.

[ב] ראה **בשו"ת כנף רננה** (יו"ד ח"ב סי' ח') שכתב באחד שאמר קדיש על אביו ובנתיים מתה גם אמו, שאין חשש לומר קדיש בכה"ג גם בחודש י"ב, ואל יקל עבור זה מכבוד אמו. וכן נקטו האחרונים. ובספר **גשר החיים** (פרק ל' אות ח') כתב להפסיק יום ראשון ואחרון מחודש י"ב מלומר קדיש, כדי להבליט הענין.

**פרישוואסער** שליט"א (לאנדאן, חתן גיסו הגה"צ אב"ד גראסווארדיין שליט"א, סטעטין איילנד), עב"ג בת הר"ר **אברהם יהושע רעטעק** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***ערב שבת קודש פרשת נשא***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו.

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** והיה הכהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **יצחק אויש** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** וואך אין די פרשה איז דא די מצוה פון ברכת כהנים, אז די כהנים זאלן בענטשען יודען, כה תברכו את בני ישראל אמור להם, יברכך ה' וישמרך וכו' (במדבר ו-כג). רש"י זאגט, אמור להם, כמו זכור ושמור. אמור להם, איז די זעלבע לשון פון זכור ושמור. עס קען אפשר זיין א רמז דערין. ביי א פדיון הבן בענטשט דער כהן דאס קינד, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה. דער פסוק ישימך אלקים כאפרים וכמנשה, שטייט ווען יעקב האט געבענטשט יוסף, ויברכם ביום ההוא לאמור, בך יברך ישראל לאמור, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה (בראשית מח-כ). ער האט אים אנגעוואונטשען, אז לדורות וועט מען אזוי אנוואונטשען, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה. אין דעם פסוק איז דא צוויי מאל די ווארט לאמור, וואס איז איבריג. ויברכם ביום ההוא 'לאמר', בך יברך ישראל 'לאמר', ישימך אלקים כאפרים וכמנשה.

**דער** ענין דערפון איז. ווען א טאטע בענטשט א קינד, זאגט ער ארויס די ברכה מיטן מויל, ער בענטשט אים. פארוואס דארף א טאטע בענטשען א קינד. וואונטשט דען נישט יעדער טאטע פאר זיין קינד דאס בעסטע? אפילו ווען ער זאגט נישט ארויס די ברכה מיט זיין מויל, בענטשט ער אויך דאס קינד. כהנים וואס בענטשען יודען, זענען דאך אוהבי שלום און רודפי שלום, פארוואס דארפן זיי ארויסזאגען די ברכה מיטן מויל, און זאגען יברכך ה' וישמרך, און עס איז נישט גענוג אז זיי זאלן בענטשען אין הארץ. עס איז א שלימות'דיגע ברכה אזוי אויך.

**נאר** עס איז דאך א חילוק. יעדע ברכה וואס א יוד זאגט ארויס מיטן מויל, האט דער דיבור פון א מענטש א כח אויבן אין הימל. אזוי ווי ווען א מענטש דאווענט, כאטש מען קען זאגען די תפלה בלב, דאך דארף א יוד ארויסזאגען די ווערטער מיטן מויל. וויל א דיבור גייט ארויף אויבן, בגין דאינון מילי סלקין (זוהר הגדה של פסח). דאס זעלבע איז יעדע ברכה וואס מען בענטשט יודען, זאגט מען ארויס די ברכה מיטן מויל, ארויסצוגעבן די ברכה פון הארץ, אז עס זאל זיין בדיבור אויך.

**ביי** שבת זעהט מען אויך אזא ענין, אפילו דער אייבערשטער האט געבענטשט דעם שבת, און יודען האלטן שבת, שמור את יום השבת לקדשו, מען היט אפ דעם שבת, און מען טוט נישט א מלאכה, איז דא אן עקסטערע מצוה פון זכור את יום השבת לקדשו (שמות כ-ח), זכרהו על היין (פסחים קו.), מען דארף נעמען א כוס וויין, און מקדש זיין דעם שבת. וואס טוט אויף מער דער זכור, ווי דער שמור. דו היטסט דאך שבת, דו טוסט נישט א מלאכה א גאנצן שבת, פארוואס איז עס נישט גענוג, און מען דארף נעמען א כוס יין, און אויף דעם זאל מען מקדש זיין דעם שבת. נאר ווייל א דיבור וואס א יוד איז מקדש דעם שבת האט א כח, און עס איז פועל אויבן, און עס איז פועל אויף זיך. און זכרהו על היין, יין איז משמח לבב אנוש (תהלים קד-טו). א ברכה וואס א יוד זאגט, דארף ער זאגען מיט א שמחה. ווען ער איז מקדש דעם שבת, דארף עס זיין מיט א שמחה. וועגן דעם איז דא די מצוה זכרהו על היין, מען דארף מקדש זיין דעם שבת על היין.

**זאגט** די תורה, ווען כהנים בענטשען יודען, 'כה תברכו את בני ישראל, יברכך ה' וישמרך', עס איז נישט גענוג אז די כהנים זאלן בענטשען די יודען אין הארץ, במחשבה. און אפילו זיי ווענלן עס ארויסזאגען בדיבור, איז אויך נאכנישט גענוג, נאר די כהנים דארפן בענטשען בקול רם, ברכת כהנים

דארף זיין מ'יט א הויכע קול (סוטה לח.). כה תברכו את בני ישראל אמור להם, עס מוז זיין מיט אן אמירה, כמו זכור ושמור, אזוי ווי ביי זכור און שמור, איז נישט גענוג די שמירה אליין, נאר עס דארף זיין זכור, זכרהו על היין, אזוי אויך דארף זיין א ברכה פונעם מויל.

**מען** דארף נישט מער פון וואס עס שטייט אין די גמרא (ברכות ז.), אז דער רבונו של עולם האט געזאגט פאר ישמעאל כהן גדול, ווען ער איז אריינגעגאנגען יום כיפור לפני ולפנים, ישמעאל בני ברכני. עס איז סתם שווער די מושג אז דער רבונו של עולם דארף א ברכה, און נאך דערצו א ברכה פון א בשר ודם. און האט דען נישט רבי ישמעאל געבענטשט דעם אייבערשטען שטענדיג. אבער אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך (שם), א ברכה האט אין זיך א חשיבות, ווען מען זאגט עס ארויס בדיבור. ויברכם ביום ההוא, יעקב אבינו האט געבענטשט די קינדער, לאמור, ער האט ארויסגעזאגט די ברכה, בך יברך ישראל 'לאמר', שטענדיג ווען יודען ווען זיך בענטשען, זאלן זיי זאגען מיטן מויל, ישימך אלקים כאפרים וכמנשה.

**ווייל** איך דא אויך אנוואונשטען פארן אבי הבן, אז דער אייבערשטער זאל אים געבן, אז ער זאל קענען ווייטער אויך מגדל זיין דאס קינד לתורה ולחופה ולמעשים טובים. די פדיון הבן איז א חשיבות, ווייל איך קען שוין דא, זעקס דורות פונעם קינד, און אלע זענען געווען דערהויבענע ערליכע יודען. זאל דער אייבערשטער געבן אז דאס קינד זאל ראטען, און גיין אין די דרכי אבות, און די עלטערן און די זיידעס און די עלטער זיידעס זאלן זעהן אסאך נחת דקדושה, און זיך קענען מיטפרייען איינער ביים אנדערנ'ס שמחות. און מיר זאלן זוכה זיין בקרוב צו זעהן, בבנין ציון וירושלים במהרה בימינו אמן.

*

***שבת קודש פרשת נשא***

בפרקי אבות דרש **רבינו שליט"א** דברי דרוש ואגדה בהפטרת השבוע בפרשת מנוח, אשר מובא בספרי המקובלים שמנוח ואשתו היו גלגול של יצחק ורבקה, והתפילות של יצחק ורבקה שהפצירו לזכות לבנים, עמד להם בגלגול העתיד שזכו לבן כשמשון שהוא החל להושיע את ישראל. ולכך הפציר יצחק בעודו 'צדיק בן צדיק' לזכות לבנים בעתיד בגלגול מנוח, שאילו התפלל אז בגלגולו השני היו התפילות נחשבים כתפלת 'צדיק בן רשע' בהיות מנוח ממשפחת הדני, שבט דן עובדי עבודה זרה. – והמשיך בדברי אגדה בפרשת סוטה שאמר הקב"ה מוטב שימחה שמי כדי לעשות שלום בין איש לאשתו, ועוד.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של חתן הר"ר **יוסף אלימלך הערשקא** הי"ו, ושל חתן הר"ר **אשר זעליג ראזענטאל** הי"ו.

# פרשת בהעלותך י"ג – י"ט סיון תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת בהעלותך***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל סיום הש"ס של הר"ר **שלום קליין** הי"ו (בן הר"ר **אהרן קליין** הי"ו) שהתקיים בביתו. **רבינו שליט"א** הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יוסף לעווי** הי"ו שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

אחר הבר מצוה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן קנ"ד סעיף ג'). **אחר השיעור השמיע רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** פאריגע וואך איז געווען די פרשה פון ברכת כהנים. עס שטייט אין ילקוט (רמז תש"י), ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די מצוה, אז די כהנים זאלן בענטשען יודען, האבען יודען געזאגט פארן רבונו של עולם, פארוואס האסטו איבערגעגעבן די ברכות פאר די כהנים, אז זיי זאלן אונז בענטשען, ברכותיך אנו צריכין, מיר דארפן 'דיינע' ברכות. האט דער אייבערשטער זיי גע'ענטפערט, ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם (במדבר ו-כז), נישט די כהנים בענטשען, נאר איך בענטש. איך האב נאר איבערגעגעבן פאר די כהנים, אז זיי זאלן זאגען די ברכה, אבער ואני אברכם, איך בין דער וואס בענטשט. וואס מיינט עס, אז יודען האבען געזאגט ברכותיך אנו צריכים, מיר דארפן דיינע ברכות, און נישט די ברכות פון די כהנים, און דער אייבערשטער האט געענטפערט, ואני אברכם. אוודאי האבען זיי געוואוסט פאר דעם אויך, אז אפילו ווען די כהנים זאגען די ברכה, קומט די ברכה פונעם אייבערשטען, נאר דער אייבערשטער האט מצווה געווען די כהנים אז זיי זאלן ממשיך זיין די ברכה. וואס ליגט אין דעם, אז זיי האבען נישט געוואלט די ברכות פון די כהנים, און דער אייבערשטער האט געזאגט, ואני אברכם.

**עס** איז דא א שיין ווארט אין **ערוגת הבושם** (פרשת וזאת הברכה), וואס ער ברענגט צו, אז ער האט דאס געהערט פון זיין רבי'ן, **רבי מנחם כ"ץ, צעהלימער רב**. [דער **ערוגת הבשם** האט געלערנט ביי אים ביי די צוועלף יאר, פאר די בר מצוה, אויף איין יאר. זעהט אויס, אז דעמאלטס האט ער געהערט פון אים דעם דבר תורה, און ער ברענגט עס צו אין זיין ספר]. עס שטייט אין די גמרא (מועד קטן ט.), אז רבי שמעון בן יוחאי האט אמאל געשיקט זיין זון רבי אלעזר, אז ער זאל גיין צו צוויי פון זיינע תלמידים, וואס זענען געווען חשובע מענטשען, אנשים של צורה, און זיי האבען געהאלטן ביים אוועקפארן פון די ישיבה פון רבי שמעון בן יוחאי, אז ער זאל נעמען ביי זיי א ברכה. איז געגאנגען רבי אלעזר מקבל זיין א ברכה. ווען ער איז אנגעקומען אהין, האבען זיי אים געפרעגט, פארוואס ביזטו געקומען, האט ער זיי געזאגט, אז דער טאטע האט מיר געשיקט אז איך זאל נעמען א ברכה. האבען זיי אנגעוואונטשען א גאנצן אוצר מיט קללות. ווען ער איז צוריק אהיימגעקומען צו רבי שמעון, האט אים רבי שמעון געפרעגט וואס איז געווען. האט ער געזאגט, נישט נאר איך האב נישט באקומען א ברכה, נאר זיי האבען מיר געשאלטן. האט ער געפרעגט, וואס האבען זיי דיר געזאגט, האט ער אויסגערעכנט די אלע קללות. האט אים רבי שמעון בן יוחאי געזאגט, ניין, דאס איז נישט קיין קללות, נאר אין יעדע זאך וואס זיי האבען דיר געזאגט, איז דא דערין א ברכה אויך, נאר זיי האבען עס מלביש געווען אין אזא לשון, אז עס האט אויסגעקוקט ווי א קללה.

**זאגט** דער **ערוגת הבשם**, וואס איז דער טעם אז זיי האבען נישט געזאגט די ברכה בפירוש, נאר זי האבען געזאגט א לשון פון א קללה, און עס זאל זיין נכלל אין דעם א ברכה. שטייט אין מפרשים, ווייל ווען מען בענטשט יענעם, איז דא אמאל א קיטרוג אויבן אין הימל, אז עס זאל נישט נתקיים ווערן די ברכה. אבער אז מען זאגט עס מיט א לשון קללה, דערקענען נישט די מקטריגים אז דאס איז א ברכה, וואס מען האט אים געבענטשט, און דער אייבערשטער ווייסט דאך די מחשבה, איז ממילא באקומט ער א ברכה, און עס איז נישט דא דערויף א קיטרוג, וועגן דעם האבען זיי מלביש געווען זייער ברכה אין א לשון פון א קללה.

**אויב** אזוי, ווען די כהנים גייען בענטשען יודען, און מען גייט זאגען אפענע ברכות, יברכך ה' וישמרך, איז דאך דא א חשש אז עס וועט זיין א קיטרוג אויבן אין הימל, און מען וועט נישט אדורכלאזען די ברכות, וואלט אפשר געווען אן עצה, אז די כהנים זאלען געבן קללות, און זיי זאלן אינזין האבען א לשון פון א ברכה. אבער דער אייבערשטער האט נישט אזוי געהייסען, נאר 'כה תברכו את בני ישראל', אזוי ווי עס שטייט דא, אזוי זאלט איר בענטשען יודען. 'אמור להם', זאג זיי, 'יברכך ה' וישמרך'. פארוואס, זאגט ער, וואו איז שייך אז עס זאל זיין א קיטרוג? ביי א ברכה וואס מען באקומט פון א בשר ודם, אבער א ברכה וואס קומט פונעם אייבערשטען, וואס איז שייך ביי דעם א קיטרוג. ווען דער רבונו של עולם בענטשט, איז נישט שייך אז מען זאל קענען אויף דעם מקטרג זיין. איז ממילא אזוי ווי די ברכה קומט פונעם אייבערשטען, דארף מען נישט מורא האבען אויף א קיטרוג, קען מען זאגען די ברכת כהנים, יברכך ה' וישמרך, ווייל דער אייבערשטער געבט די ברכה.

**זאגט** דער פסוק, 'כה תברכו את בני ישראל, אמור להם, יברכך ה' וישמרך'. ווערסטו דאך מורא האבען, אז אפשר וועט זיין א קיטרוג דערויף. אבער 'ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם', די ברכה איז דאך נישט פון די כהנים, נאר די ברכה איז וואס איך וועל בענטשען יודען, און עס גייט נאר דורך די כהנים, איז ממילא קען די ברכה קומען פון זיי מיט א לשון פון א ברכה, און מען דארף נישט חייש זיין אויף א קיטרוג.

**דאס** איז פשט אינעם מדרש, אז יודען האבען געזאגט, ברכותיך אנו צריכים. טאמער די כהנים וועלן אונז בענטשען, קען דאך זיין א קיטרוג אויף די ברכות, אבער אז דו וועסט בענטשען, וועט נישט זיין קיין קיטרוג. ברכותיך אנו צריכים, מיר ווילן אז די ברכות זאל קומען פון דיר. האט דער אייבערשטער געזאגט, אפילו ווען די כהנים בענטשען, איז עס נישט זייער ברכה וואס זיי בענטשען, נאר ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם, און אז איך בענטש, דארף מען נישט מורא האבען דערויף.

**נאך** א חילוק איז דא צווישן א ברכה וואס קומט פונעם אייבערשטען, און א ברכה וואס קומט פון א בשר ודם. דער אייבערשטער האט באשאפן א מענטש אז וויפיל ער האט, איז ער קיינמאל נישט צופרידן. דער אייבערשטער האט געגעבן פאר א מענטש א טבע, אז יש לו מנה רוצה מאתים, האט ער מאתיים, וויל ער האבען נאך מער (קה"ר א-לד). ווען ער איז א גרויסער עושר, איז אביסל מער שוין נישט גענוג פאר אים, ער דארף האבען גאר אסאך מער. דער אייבערשטער האט געגעבן א טבע אינעם מענטש, אז וויפיל מען האט, איז מען נישט צופרידען.

**פארוואס** האט דער אייבערשטער געגעבן די טבע אינעם מענטש? ווייל אין רוחניות איז עס זייער א גוטע מדה. ווייל ווען א מענטש איז צופרידען, וועט ער דאך קיינמאל נישט פראבירן נאכצוקומען מער ווי ער איז, ער איז צופרידען מיט וויפיל ער קען שוין, מיט וואס ער האט יא געטון. האט דער אייבערשטער מטביע געווען אינעם מענטש, אז ער זאל נישט זיין צופרידען מיט וואס ער האט שוין קונה געווען, כדי ער זאל האבען א שאיפה קונה צו זיין נאך מער. אבערליידער נוצט עס דער מענטש אויס צו גשמיות, דארט האט ער נישט א צופרידענהייט, און ביי רוחניות איז ער צופרידען מיט וויפיל ער האט. אבער די מדה וואס דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אינעם מענטש איז, כדי ער זאל עס אויסנוצען אין רוחניות.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **ייטב לב** (פ' שופטים) שמח נפש עבדך, כי אליך ה' נפשי אשא (תהלים פו-ד), זאגט ער, 'שמח נפש עבדך', דער אייבערשטער זאל מיר געבן שמחה, אז איך זאל זיין צופרידען מיט וויפיל איך האב. איזהו עשיר השמח בחלקו (אבות ד-א), ווייל 'כי אליך ה'', ווען עס קומט צום אייבערשטען'ס ענינים, איז דאך 'נפשי אשא', דארף איך מיך אויפהייבען מיין נפש, און נישט זיין צופרידען מיט וויפיל איך האב, האט מען אריינגעלייגט אין מיר אזא מדה, אז איך זאל קיינמאל נישט זיין צופרידען, מוז איך בעטן שמח נפש עבדך, אז איך זאל זיין צופרידען.

**דאס** אז א מענטש איז נישט צופרידען, דאס איז נאר ביי א ברכה וואס קומט בדרך הטבע, וואס ער האט פארדינט פון אייגענע פארדינסט, אדער פון א ברכה וואס ער האט באקומען. און די ברכה איז נישט קיין שלימות'דיגע ברכה, ער איז אומצופרידען. אבער א ברכה וואס קומט פונעם רבונו של עולם, אז דער אייבערשטער געבט, איז דער מענטש צופרידען מיט די ברכה. ווייל דער אייבערשטער געבט נישט א ברכה וואס ברענגט עצבות פאר א מענטש, אז ער זאל זיין אומצופרידען מיט וואס ער האט. אז דער אייבערשטער געבט א ברכה, געבט ער אויך די צופרידענקייט אין די ברכה. 'ישא ה' פניו אליך', דער אייבערשטער זאל דיר נושא פנים זיין, 'וישם לך שלום' (במדבר ו-כו), ער זאל דיר געבן שלום, דו זאלסט האבען רואיגקייט אין דיר אליין, דו זאלסט זיין צופרידען מיט וואס דער באשעפער האט דיר געגעבן.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, ברכת ה' היא תעשיר, ולא תוסיף עצב עמה (משלי י-כב), 'ברכת ה'', ווען די ברכה קומט פונעם אייבערשטען, 'היא תעשיר', ברענגט עס מיט אזא עשירות, 'ולא תוסיף עצב עמה', אז עס קומט נישט דערמיט אן עצבות. געווענליך א יעדע ברכה האט אויך אין זיך עצבות, ער האט טאקע באקומען אסאך, אבער יעצט דארף ער נאך מער. אבער ברכת ה', די ברכה וואס דער אייבערשטער געבט, דאס איז תעשיר, דאס ברענגט עשירות, אן א עצב דערמיט.

**האבען** יודען געזאגט, ווען די כהנים ווען אונז בענטשען, יברכך ה' בממון, וועלן מיר דאך נישט זיין צופרידען מיט וואס מען האט. ווען ער וועט האבען א מנה, וועט ער דארפען צוויי. ווען ער וועט האבען מאתים וועט ער דארפען נאכמער. ברכותיך אנו צריכים, מיר ווילן אז דו זאלסט אונז געבען די ברכה, ווייל דיין ברכה, ברכת ה' היא תעשיר, דאס ברענגט עשירות, ולא תוסיף עצב עמה. האט דער אייבערשטער געזאגט, אז די ברכה וועט קומען דורך די כהנים, און מען דארף נישט מורא האבען, ווייל 'ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם', איך בענטש זיי, און די ברכות פונעם אייבערשטען, קומען מיט א צופרידענהייט.

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **ברוך יוחנן שווארץ** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **משה מארגענשטערן** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר החתונה השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת **הרה"ג אב"ד היבנוב שליט"א** (ב"פ), עב"ג בן **הרה"ג רבי דוב בעריש טייטלבוים שליט"א**, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** למאנסי, והשתתף (עם השטריימעל) אצל החתונה של ש"ב בן הרה"ג **רבי חיים אלעזר מאנדלאוויטש** שליט"א (חתן כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א) עב"ג בת הרה"ג **רבי ישראל בעק** שליט"א, שהתקיים באולם אור החיים ויזניץ (מאנסי). **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שני פרשת בהעלותך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר תפלת מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של ש"ב בן הרה"ג **רבי זיידא אייכענשטיין** שליט"א (בן כ"ק האדמו"ר מבורשטין שליט"א, חתן הגה"צ אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג שליט"א) שהתקיים בבית המדרש בורשטין.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של ש"ב בן הרה"ג רבי **רפאל פרישוואסער** שליט"א, שהתקיים באולם רענעסאנס.

*

***יום שלישי פרשת בהעלותך***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יוחנן אליעזר כ"ץ** הי"ו (וומסב"ג, בן הר"ר **אברהם כ"ץ** הי"ו) שהתקיים בבית המדרש פאפא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ואיחל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

לפנות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **משה יצחק פרענקל** הי"ו, שהתקיים בבית חותנו הר"ר **יוסף בערקאוויטש** ע"ה. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ומוהלות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ואיחל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הלילה הגיע **רבינו שליט"א** לפאר בראש המסובים אצל דינער היסוד של מוסדותינו הקדושים בבארא פארק, שנערכה באופן מלכותי בהוד והדר באולם הגדול 'גרענד פראספעקט באלרום', שהתמלאה חיש מהר עם ציבור גדול של אנשי שלומינו, תומכי וידידי המוסדות.

בעת המעמד נתעטרו: הרבני הנגיד מוה"ר **יוסף זיכערמאן** הי"ו (בן מוה"ר וואלף זיכערמאן הי"ו) בנזר 'אורח הכבוד', הרבני הנגיד מוה"ר **אברהם וועבער** הי"ו בנזר 'כתר שם טוב', הרב בנש"ק רבי **מאיר צבי בערגער** שליט"א בנזר 'אב השנה'. ולצדם נתעטרו בנזר 'בוני המוסדות' הני שבעה מטיבי לכת, הלא המה הר"ר **יואל בענעדעק** הי"ו, הר"ר **שמעון דוד גראזינגער** הי"ו, הר"ר **משה שמואל גראזינגער** הי"ו, הר"ר **יו"ט פישער** הי"ו, הר"ר **ירמי' וויטריאל** הי"ו, הר"ר **אברהם אהרן קליין** הי"ו, הר"ר **יודל מאשקאוויטש** הי"ו.

בקשב רב נשמעו דברות הקודש מאת **רבינו שליט"א** שהאריך בשבח המוסדות שעומדים לשם ולתפארת, ולאחר דברי אגדה בדרכי חינוך הבנים, סיים את דבריו בדברי שבח להמחזיקי תורה ועסקני המוסדות ששכרם הרבה מאוד על פי פעלם לטובה, וביקש מהאברכים להטות שכם אחד לעזור להנהלת המוסדות בגוף ובממון שיוכלו להמשיך ולהוסיף בהרחבת גבולי הקדושה.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** תורה הק' זאגט, בהעלותך את הנרות, ווען דער כהן איז מדליק די מנורה, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות (במדבר ח-ב), זאלן די נרות זיין געבויגען, אל מול פני המנורה. די ליכט פון די קני המנורה, איז געווען געבויגען צו די מיטעלסטע נר פון די מנורה. די רמז מוסר וואס קומט ארויס דערפון איז. מיר זענען אלע עלטערן פון קינדער, און יעדער ביי אונז ווייסט, אז די חשוב'סטע וואס מיר פארמאגען אין אונזער לעבן, איז אונזערע קינדער, די דורות וואס א מענטש שטעלט אויף. אז דער אייבערשטער געבט אים די זכיה, אז ער וואקסט אויף קינדער תלמידי חכמים, טעכטער וואס שטעלט ה' היא תתהלל, איז דאס די איינציגסטע גליק וואס בלייבט פאר א מענטש אויף שטענדיג, אייביג וועט ער דערפון נהנה זיין.

**און** צו אזעלכע קינדער איז דא צווי שותפים. איינס, די עלטערן אין שטוב. **די הנהגה ווי אזוי מען פירט זיך אין שטוב, דעם חינוך וואס זיי געבן פאר די קינדער, דאס שטעלט די קינדער אויף די פוס, צו וויסען את הדרך ילכו בה, וויסען די וועג וואס מען דארף צו גיין.** אבער ווי עס שטעלט זיך אויס, עכ"פ אין אונזער מקומות דא, אין די היינטיגע גלות אין אמעריקא, באקומט מען אין שטוב, נאר א קליינע פראצענט פונעם חינוך. גאר א גרויסע חלק פון חינוך, באקומט מען אין די בתי חינוך. אין תלמוד תורה, זענען די מלמדים יראי ה', און געבן אריין אסאך כוחות אין די קינדער. אין די מיידעל שולע טוען די לערערינס און די מנהלת אנפילן די קינדער מיט אהבת תורה און יראת שמים. און ביידע זענען וועג-ווייזערס פאר די קינדער, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירען. און דאס האט א השפעה ווי אזוי די קינדער וואקסען אויס שפעטער, נאכדעם וואס זיי לאזן איבער די בתי חינוך. וואס פאר א סארט שטובער זיי וועלן נאכדעם אויפשטעלן, ווענט זיך ווי אזוי זיי האבן געהאט די חינוך אין די יונגע יארן.

**די** מנורה וואס איז געווען אין משכן, און שפעטער אין בית המקדש, דאס איז די סימבאל פון תורה, נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג), די מיטעלסטע חלק פון די מנורה, דאס איז דער טאטע און די מאמע אינעם שטוב, וואס פון זיי קומען ארויס די קני המנורה. די ראָרען פון דער זייט, וואס קומען ארויס פון די מנורה, דאס זענען די קינדער, די דורות, וואס קומען ארויס פון די מנורה. די פני המנורה, די מיטלסטע חלק פון די מנורה, דאס איז דער רבי וואס לערנט תורה מיט די קינדער, און די קני המנורה דאס זענען די תלמידים מיט וועם מען לערנט תורה. און די תורה זאגט, '**בהעלותך את הנרות**', **אויב דו ווילסט אז דער נר מצוה ותורה אור זאל באלייכטען דיינע קינדער**, '**אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות**',

**דארפן זיין די קני המנורה געבויגען צום מול פני המנורה, צו די מיטעלסטע חלק פון די מנורה. מען זאל פירען אזא שטוב ווי די קינדער זאלן האבען אויף וועם ארויפצוקוקען, און מקבל זיין פון דעם וואס זיי זעהן ביי די עלטערן.** די מנורה, דער וואס לערנט מיט זיי, זאל אזוי לייכטען, אז די קני המנורה זאלן באקומען ליכטיגקייט, און זיך בייגען צו די מיטעלסטע חלק פון די מנורה.

**און** לויט כמה דעות, איז די מיטעלסטע חלק פון די מנורה געווען דער נר המערבי (עיין מנחות צח:), וואס דארט איז געשען נסים, דארט האט געברענט שטענדיג. **דער אייבערשטער גיט ספעציעלע כוחות פאר עלטערן, ספעציעלע כוחות פאר די וואס זענען מדריך דעם ציבור, אז זיי זאלן לייכטען שטענדיג, כדי זיי זאלן קענען איבערגעבן די ליכטיגקייט פאר די קני המנורה.** 'בהעלותך את הנרות', אז מען וויל אז די נרות, די נר ה' נשמת אדם, אז די קינדער וואס זיי זענען די נרות זאלן לייכטען, 'אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות', דארפן זיי זיין געבויגען צו די פני המנורה, צו די מיטעלסטע חלק פון די מנורה. **און דער כהן האט מדליק געווען די נרות. עד שתהא השלהבת עולה מאליה, ביז מען געבט אריין אזויפיל ווארעמקייט אין א קינד, אז דאס קינד זאל האבען אן אייגענע שלהבת פון זיך, ער זאל אליין פלאמען, אזוי דארף מען אנצינדען די מנורה.** ווען דער כהן האט אנגעצינדען די מנורה, האט ער נישט ארויפגענומען די ליכט פונעם נר, ביז ער האט נישט געזען אז די שלהבת גייט ארויף מאליה. אזוי דארף זיין חינוך פון קינדער, מיט אן איבערגעגעבנקייט, אז דאס קינד זאל קענען אויסוואקסען ביז עס וועט ארויסקומען פון אים א שלהבת.

**איך קען זאגען בשבח פונעם תלמוד תורה, און פונעם מיידעל שולע, איך געב אוועק אסאך שעות פאר ביידע מוסדות, עס גייט כמעט נישט אדורך א דבר גדול און דבר קטן, וואס האט צוטון אין רוחניות, וואס זאל נישט צוקומען צו מיין האנט, און הערן און פרעגן א חוות דעת, און איבערשמועסן וואס עס מאכט זיך אלץ אין א מוסד. די מלמדים אין תלמוד תורה זענען יראי ה' מרבים, איינס שענער פונעם צווייטען. מען לייגט אריין אסאך כוחות אינעם תלמוד תורה, אז מען זאל קענען אריינברענגען אהבת תורה אין די קינדער. די מיידל שולע ווערט געפירט ב"ה פון צוויי מחנכות, מנהלות, סיי די עלעמענטערי און סיי די היי-סקול, וואס זענען איבערגעגעבן פאר די קינדער, און זענען מפורסמים מיט זייער כח החינוך, וואס געבט ארויס אזעלכע שיינע פירות. הונדערטער ערליכע יודישע שטובער זענען שוין ארויסגעקומען פון די מוסדות, וואס שטעלן אויף דורות ווייטער.**

*

**אבער** עס איז דא נאך א נקודה וואס איז נוגע פאר די עלטערן. דער אייבערשטער האט געהייסען אז דער שלחן זאל זיין נוכח המנורה. די שלחן אין בית המקדש איז געשטאנען אקעגן איבער די מנורה. פון איין זייט איז געווען דער שלחן, און פון איין זייט איז געווען די מנורה. שלחן ווייזט אויף די מחזיקי תורה, זיי האט דער אייבערשטער געגעבן א שלחן מלכים, דער באשעפער האט זיי געגעבן פארמעגן. און די תורה האט געהייסען, אז די שלחן און די מנורה דארפן זיין איינס אקעגן דעם צווייטען. דער שלחן האט אן אחריות אויף זיך, אז די מנורה זאל לייכטען. **א יוד דארף צו העלפען בויען תורה, מחזיק זיין תורה, די שלחן זאל נישט אראפנעמען די אויג פון די מנורה. אז מען וויל אז די מנורה זאל קענען ווייטער לייכטען, דארף די שלחן זיין אקעגן דעם. און ווען די שלחן שטייט אקעגן די מנורה, שטייט די מנורה אקעגן דעם שלחן. די מנורה, די תורה הק', באצאלט פאר דעם שלחן. ווען דער שלחן נעמט נישט אראפ זיין אויג פון די מנורה, נעמט די מנורה נישט אראפ די אויג פונעם שלחן. דער אייבערשטער באצאלט פאר די אלע וואס טוען, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, דורך דעם וואס מיר זענען מחזיק די תורה, טוט די תורה זיך באמיען, און זי איז מלמד זכות אויבן אין הימל, מחזיר צו זיין פאר די מחזיקים, אז עס זאל זיי נישט פעלן, און זיי זאלן האבען וואס מען דארף.**

*

**איך** וויל צוענדיגען מיט א ווארט. מען האט מכבד געווען זיבען בעלי בתים וואס האבען זיך מוסר נפש געווען אויפצושטעלן דעם מוסד. זיי האבען אוועקגעגעבן אסאך צייט און שעות און געלט,

גופו ומאודו, ביז מען האט געזעהן אויפגעשטעלט די מוסדות דא אין בארא פארק. זייער זכות איז זייער גרויס, ווייל וואס עס בליהט שפעטער איז אלעס תלוי אין דעם וואס האט איינגעפלאנצט דעם בוים. די עבודה וואס מען לייגט אריין אין איינפלאנצן דעם בוים, איז א גרויסע עבודה, ווייל מען זעהט נאכנישט אין אנהייב די פירות פון דעם בוים. אבער שפעטער העלפט דער אייבערשטער, אז ווען מען מיינט עס ערליך, וואקסט עס, און עס שטייגט, און מען זעהט נאכדעם די פירות. און די זכות פון די תורה און עבודה וואס קומען ארויס פון די מוסדות, וועט שטענדיג ביישטיין פאר זיי, און דער אייבערשטער וועט זיי בענטשען מיט בנין וחתנין רבנן.

**און** דאס איז אונז אלע מחייב, **ב"ה די מוסדות ביי אונז בליען, און מען דארף נאך האבען אסאך הילף, מען זאל צולייגען א האנט דערצו צוצוהעלפען. מען דארף האבען די יונגע כוחות היינט, און עס איז דא אסאך וואס יונגעלייט קענען צוטון און צוהעלפען אז די מוסדות זאלן קענען ווייטער בליען, און מחזק זיין און מעודד זיין די וואס טוען פאר די מוסדות.** מען דארף זיך אפלערנען פון זיי, אז די זכותים בלייבט אויף שטענדיג. **מען זאל נישט פארלאזן אויף אנדערע אז זיי זאלן טון די ארבעט, נאר יעדער וואס פילט ביי זיך אז ער קען זיין אן עושה ומעשה, צושטיין און צוהעלפען צו די וואס זענען עוסקים דערין, זאל ער וויסען אז ער קען האבען א געוואלדיגען זכות וואס וועט אים בלייבען לדורות עולם שפעטער.**

**זאל** דער אייבערשטער געבען, אז די אלע וואס טוען מחזיק זיין תורה, זאל זיי דער אייבערשטער בענטשען מיט די ברכת התורה. רוב פונעם ציבור דא האבען קינדער אין די תלמוד תורה, און אינעם מיידעל שולע, זאל זיי דער אייבערשטער געבען, אז זיי זאלן קענען מגדל זיין די קינדער ווייטער אויף לתורה ולחופה ולמעשים טובים. זיי זאלן קענען אויפשטעלן שיינע יודישע שטובער, און זעהן פון זיי אסאך נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה. דער אייבערשטער זאל זיך מרחם זיין אויף כלל ישראל, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

***<u>יום רביעי פרשת בהעלותך</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **יהושע פנחס שווארץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **צבי שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז קעסטל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **ישראל פריעדמאן** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם שיק'ס מענאר.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** (עם השטריימעל) אצל השבע ברכות של ש"ב נכד **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א** שהתקיים בביהמ"ד סערדאהעלי.

*

***<u>יום חמישי פרשת בהעלותך</u>***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** ללעיקוואוד והתפלל תפלת שחרית באולם שע"י בית המדרש סטאלין. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יוסף קליין** הי"ו (לעיקוואוד, בן הר"ר זלמן קליין הי"ו, וממסב"ג). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי, אחר מנחה מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

אחר הבר מצוה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר תפלת מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת שטערן ע"ה (אלמנת הר"ר **אלתר ישעיהו שטערן** ע"ה).

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הרה"ג רבי **יהושע שלום ווייס** שליט"א (בן כ"ק האדמו"ר

מספינקא שליט"א, וחתן כ"ק האדמו"ר מפאפא ב"פ שליט"א), עב"ג בת הרה"ג רבי **דוד דוב אונסדארפער** שליט"א רב דבית המדרש תולדות אפרים (בן הגה"צ רבי יעקב אלי' אונסדארפער שליט"א אב"ד ראשית חכמה מאנטריאל, וחתן הגה"צ אב"ד קראסנא זצ"ל), שהתקיים בבית המדרש חקל יצחק ספינקא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן ואחר כך במחול עם המחותנים הגאוה"צ שליט"א.

אחר השבע ברכות השתתף **רבינו שליט"א** (עם השטריימעל) אצל החתונה של ש"ב בן **הרה"ג רבי משה מנחם ווייס שליט"א** דומ"ץ פאפא ב"פ, עב"ג בת הרה"ג רבי **שלום פסח גרינבערג** שליט"א (בן הרה"ג רבי משה גרינבערג שליט"א אב"ד פאליאנא, ומרביץ תורה במוסדותינו הק' בב"פ), שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***ערב שבת קודש פרשת בהעלותך***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת בראדי ע"ה (אשת הר"ר לייבוש בראדי הי"ו).

*

***שבת קודש פרשת בהעלותך***

על שבת קודש הגיע **רבינו שליט"א** לשבות בקרב קהל עדתנו ואנשי שלומינו בעיר בארא פארק. - תפלת מנחה וקבלת שבת התקיים בבית מדרשינו ברכת אברהם, והתפילות ביום שבת קודש התקיים בבית מדרשינו זכרון יהודא.

בקריאת התורה ביום שבת קודש קרא **רבינו שליט"א** שם לבת הנולדה אצל הר"ר **יונה זינגער** הי"ו (בן הר"ר יודא זינגער הי"ו, חתן הרב שמחה פנחס שטראהלי שליט"א). אחר התפלה התקיים קידושא רבא לרגל השמחה.

תפלת מנחה התפללו בבית מדרשינו הגדול. אחר מנחה דרש **רבינו שליט"א** דרשת פרקי אבות במקהלות עם רב שגדשו את היכל הבית המדרש והדריו הסמוכים.

**רבינו שליט"א** פתח את אמריו בדברי דרוש נפלאים, לבאר דרכי ה' וענינים נעלמים בסוד הגלגול, אשר לפעמים הקב"ה משלם שכר עושי רצונו בגלגולם העתיד לבא. והרחיב דבריו בפרשת מנוח ואשתו שהיו גלגולם של און בן פלת ואשתו כמבואר בספרי **הרמ"ע מפאנו**, ועבור שמסרו נפשם שלא להתפתות אחר עדת קרח, זכו שיתגלה אליהם מלאך ה' לבשר הבשורה בהולדת בן כשמשון נזיר ה'. ודיבר גם בענין אבא חלקיה ואשתו שגם המה מגלגול מנוח ואשתו כמבואר בספרי המקובלים.

אחר כך המשיך לבאר פסוקי המקרא אצל חנה שהתפללה על בנים, על פי יסוד דברי מרן **החתם סופר זי"ע** שלא הפציר ביותר על בנים מאת ה' (בזיווג ראשון) באשר יכולים הדברים לגרום נזק לאנשי ביתו וכדומה, רק התפלות צריכים להיות בבקשת תחנונים באופן הרגיל. וכאשר הקב"ה מרגיש בזה שאין מפצירין ביותר אז ממלא בקשתם שלא יחסר להם מכדי צרכם.

**רבינו שליט"א** עורר בדברים מיוחדים לקראת ימי הקיץ הבאים לקראתינו לשלום, לנצל הימים להיותם ימי עילוי בתורה ובעבודת השי"ת, הן בקביעות עתים לתורה בכל עת ועונה, והזכיר את חבורת קהלתינו '**ובהם נהגה**' לסדר הלימוד יומי, וכן בימי מנוחת הנפש לסדר מנין לתפלה במתינות. ובעת הנסיעה לנופש וכדומה לשמוע קלטות בדברי תורה וענינים שונים למלא ראשו בתורה ויראת שמים, ובעת של מנוחה לעיין בתולדות וקורות חייהם של גדולי הדורות המלאים חכמה ומוסר, וכדאי לכל אחד ואחד לקבוע ספר תולדות צדיקים שילמד ממנו משך ימי הקיץ, ויגיע לו ממנו תועלת רב ורישומא דקדושה.

אחר כך נערכה סעודה שלישית ברוב עם באולם עדת טעראס שעל ידי בית מדרשנו. **רבינו שליט"א** השמיע דברי אגדה ומוסר בפרשת המנורה.